**3. בלייבט מיטן מענטש.**

בלייבט מיטן מענטש ביז ווען עמערדזשענסי מעדיצינישע הילף קומט אן. אויב דער מענטש בלייבט באוואוסטלאז און איר קענט אטעמען-רעטונג אדער CPR, נוצט די טעכניקן. אויב איר טוט נישט אטעמען-רעטונג אדער CPR, דרייט די מענטש צו זייער זייט אזוי אז זיי זאלן נישט שטיקן. אויב די אטעמען גייט צוריק צו נערמאל, מוטיגט דעם מענטש וואס האט געהאט אן איבער-דאזע צו גיין מיט די אמבולאנס אפילו אויב זיי פילן בעסער.

## Naloxone איז אווילעבל ביי:

**אייער לאקאלע אפטייק:** עס זענען דא טויזנטער אפטייקן וואו איר קענט באקומען naloxone אן אריינברענגען א פרעסקריפשען. געוואנדן אויף אייער אינשורענס, קען זיין א דידאקטעבל אדער קא-פעימענט פאר דעם מעדיצין. פונדעסטוועגן, וועט ניו יארק'ס Naloxone קא-פעימענט פראגראם (N-CAP) דעקן קא-פעימענטס פון ביז צו $40 דאלאר. טרעפט א N-CAP אפטייק דא:

www.health.ny.gov/diseases/aids/general/opioid_overdose_prevention/directories.htm.



**אפיאויד איבער-דאזע פארמיידונג פראגראמען** וועלכע שטעלן צו איבער-דאזע טרענירונג און אומזיסטע naloxone דא:

providerdirectory.aidsinstituteny.org.

**צווישן די אפיאויד איבער-דאזע פארמיידונג פראגראמען** זענען די ניו יארק'ס איינשפריץ אויסטויש פראגראמען וועלכע שטעלן צו איבער-דאזע טרענירונג און אומזיסטע naloxone אווילעבל דא:

www.health.ny.gov/diseases/aids/consumers/prevention/needles_syringes/docs/sep_hours_sites.pdf.

**א נאציאנאלע פאסט פראגראם** פאר נישט אינשורירטע אינדיווידועלן:

www.naloxoneforall.org.

NEW YORK STATE | Department of Health

New York State nyspQc Perinatal Quality Collaborative





# נעמט איר אדער אייניער וועמען איר קענט אפיאוידס?

**זייט פארזיכערט.**

**פארמיידט א פאטאלע איבער-דאזע.**

**האט Naloxone אווילעבל.**

אויב איר נעמט אפיאוידס און איר זענט טראגעדיג, זייגעדיג, אדער האט לעצטנס געהאט א קינד, באקומט naloxone! אויב איר וואוינט מיט איינעם וואס נעמט אפיאוידס, זאלט איר אויך האבן naloxone.

Naloxone איז א מעדיצין וואס איז פשוט צו געבן—געווענטליך נאר א קוועטש אריין אין די נאז—וואס דרייט צוריק איבער-דאזעס פון אפיאוידס, וועלכע רעכנט אריין heroin, fentanyl, oxycodone און codeine. ווען געגעבן אין צייט, דרייט naloxone צוריק די איבער-דאזעס דורך צוריקשטעלן דאס אטעמען. איר דארפט נישט זיין א דאקטער צו געבן naloxone. פאמיליע, פריינט, און גענצליך פרעמדע אן קיין מעדיצינישע הונטערגרונד קענען זיכערערהייט געבן דעם מעדיצין.

## זייט פארזיכערט.

זייט פארזיכערט. זייט צוגעגרייט. מאכט א פלאן צו פארמיידן אפיאוידס איבער-דאזעס. פאלגט אויס די גרינגע שריט:

1. **האלט naloxone.**
   לויט די צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention – CDC), געשעען 80% פון איבער-דאזע טויטפעלער אין א הויז! אויב איר קענט איינעם וואס איז ביי די ריזיקע פון אפיאויד איבער-דאזע אדער איינער וואס נוצט קאקעין און/אדער מעטאמפעטאמיין, זאלט איר מאכן זיכער אז אפאר דאזעס פון naloxone זענען גרייט צום באנוץ. סיי ווער וואס נוצט דראגס קען זיין אין א ריזיקע. זאגט פאר פאמיליע און פריינט וואס איר געטרויט וויאזוי צו נוצן naloxone און וואו עס ווערט געהאלטן.
2. **נוצט נישט קיין דראגס אליין. עס איז א גוטע געדאנק צו האבן נאך א מענטש מיט אייך.**
   לאזט איינעם זיין מיט אייך ווען איר נוצט דראגס אזוי אז זיי זאלן קענען רעאגירן אויב אן איבער-דאזע פאסירט. אויב דאס איז נישט מעגליך, זאגט איינעם וואס איר געטרויט איבערצוקוקן מיט אייך דורך טעלעפאן, ווידעא טשאט, אדער טעקסט 3-5 מינוט נאכן נוצן. איר קענט אויך רעדן צו אן אפערעיטער אויפן ליין בשעת'ן נוצן דא https://neverusealone.com/e: אדער רופט (800) 484-3731. אויב איר ענטפערט זיי נישט, קענען זיי אלארמירן EMS אז איר קענט זיין אין סכנה.
3. **אונטערזוכט פאר fentanyl.**
   Fentanyl געפינט זיך אפט אין דראגס וואס איר באקומט אויפן גאס. מענטשן וואס נעמען דראגס ווייסן אפט נישט אויב עס איז דא fentanyl אין זייער פראדוקט. צוליב זיין שטארקייט, איז סיי ווער וואס נוצט fentanyl ביי א פארגרעסערטע ריזיקע פאר אן איבער-דאזע. מענטשן קענען איבערקוקן פאר fentanyl אין זייער דראגס דורך נוצן fentanyl טעסט סטריפס.
4. **גייט שטאט.**
   אייער טאלעראנץ פאר דראגס ווערט קלענער און אייער ריזיקע פאר אבער-דאזע ווערט גרעסער אויב איר האט נישט גענוצט דראגס פאר אפילו אפאר טעג. אויב איר גייט צוריק צו נוצן דראגס נאכן נישט האבן גענוצט, זייט פארזיכטיג און גייט שטאט. וואס האט אייך נישט ווי געטון אפאר טעג צוריק קען אייך יעצט הרג'נען.

## רעאגירט צו אן איבער-דאזע.

נעמט שריט! אויב איר טראכט אז איינער האט אן איבער-דאזע, פאלגט אויס די פאלגענדע שריט:

1. **רופט 911.**
   רופט 911 און פאלגט אויס דעם דיספעטשער'ס אנווייזונגען. לאזט נישט די פחד פון ארעסט אייך אפהאלטן פון מאכן דעם רוף. **ניו יארק'ס גוד סעמעריטען געזעץ באשיצט די וואס האבן אן איבער-דאזע און סיי ווער וואס העלפט זיי אין אן עמערדזשענסי פון ווערן אנגעקלאגט און באשולדיגט פארן האבן דראגס אינעם באזיץ.**
2. **געבט Naloxone.**
   שאקלט דעם מענטש און שרייט זייער נאמען יענעם אויפצואוועקן. אויב זיי רעאגירן נישט, געבט זיי איין דאזע פון naloxone אין די נאז. לייגט די שפיץ פון די נאזל ארויף אויבן אין די מענטש'ס נאז און נאכדעם דריקט אראפ דעם פלאנדזשער. אינפארמאציע אויף וויאזוי צו נוצן naloxone קען מען טרעפן דא: https://www.nyoverdose.org/Docs/12028.pdf. אויב די ערשטע דאזע פון naloxone ברענגט נישט צוריק די אטעמען אין צוויי ביז דריי מינוט, געבט א צווייטע דאזע.

## דערקענען אן איבער-דאזע.

**דאס זענען די צייכנס פון אן אפיאויד איבערדאזע:**


ליפן און נעגל זענען בלוי


הויט פילט קאלט און פייכט


שווארץ-אפלען זענען זייער קליין


איר קענט הערן גארגלדיגע קלאנגען אדער שנארכן


מענטש קען נישט ווערן אויפגעוועקט


מענטש רירט זיך נישט


אטעם איז פארלאנגזאמט אדער נישט דא